Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 20, נומער 2 (97)

כּיסלו תשע״ה/דעצעמבער 2014

# ראָמאַן ווישניאַק אין ייִדישן מוזיי[1]

איר קענט דעם פֿאָטאָגראַף ראָמאַן ווישניאַק ? אַוודאי[2] קענט איר, ער איז וועלט באַרימט[3]. דאָס האָט ער געשאַפֿן די פּרעכטיקע[4] פֿאָטאָ־זאַמלונג אַ פֿאַרשוווּנדענע וועלט[5], מיט בילדער פֿונעם ייִדישן לעבן, אַראָפּגענומען[6] אין די שטעט און שטעטלעך פֿון מיזרח[7]־אייראָפּע אין די יאָרן 1935–1938. אָבער אַ דאַנק דער אויסשטעלונג[8] אינעם ייִדישן מוזיי אין פּאַריז דערוויסט מען זיך אַז דאָס איז נאָר אַ קליינער טייל פֿון זײַן שאַפֿונג. די אויסשטעלונג הייסט : „ראָמאַן ווישניאַק – פֿון בערלין ביז ניו־יאָרק (1920–1975)“ און איר צוועק[9] איז צו געבן אַן אַרומנעמיקן[10] בליק אויף דער קינסטלערישער שאַפֿונג פֿון זײַן גאַנץ לעבן.

ראָמאַן ווישניאַק איז געבוירן געוואָרן אין 1897 אין אַ רײַכער ייִדישער משפּחה[11], אין שטעטל פּאַוולאָווסק (פּעטערבורגער געגנט) אָבער אויפֿגעוואַקסן און אויסגעשולט געוואָרן איז ער אין מאָסקווע. קינדווײַז שוין הייבט ער אָן זיך צו פֿאַרנעמען מיט פֿאָטאָגראַפֿיע. אין אוניווערסיטעט שטודירט ער ביאָלאָגיע, אָבער נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1917 פֿאָרט ער אַוועק, צו ערשט אין לעטלאַנד[12] און שפּעטער אין בערלין, וווּ ער גייט ווײַטער מיט זײַנע ביאָלאָגישע שטודיעס און וווּ ער ווערט ביסלעכווײַז באַקאַנט ווי אַ פֿאָטאָגראַף.
אין 1935 שיקט אים די אַמעריקאַנער הילף־אָרגאַניזאַציע „דזשוינט“[13] קיין מיזרח־אייראָפּע אַראָפּצונעמען בילדער וואָס וועלן קענען באַשטעטיקן[14] די שווערע לאַגע[15] פֿון די דאָרטיקע ייִדן. אין משך פֿון[16] פֿיר יאָר מאַכט ער עטלעכע רײַזעס אין ליטע, פּוילן, אונגערן און טשעכאָסלאָוואַקיע. די בילדער ווערן געדרוקט אין פֿילצאָליקע פּובליקאַציעס און ווערן אויסגעניצט פֿון „דזשוינט“ צו קלײַבן געלט פֿאַר דער הילפֿאַרבעט[17].
די מלחמה[18] רוקט זיך אָן[19] נעענטער און זײַן לעבן אין בערלין ווערט שווערער. ער באַוויײַזט אַוועקצושיקן זײַן ווײַב און קינדער אין שוועדן און ער אַליין פֿאָרט אַרבעטן אין פֿראַנקרײַך, וווּ ער ווערט אינטערנירט. סוף־כּל־סוף[20] לאָזט מען אים אַרויס, ער געפֿינט זײַן משפּחה, קריגט די נייטיקע פּאַפּירן און זיי פֿאָרן צוזאַמען קיין אַמעריקע.
אַ נײַ לעבן הייבט זיך אָן. ער עפֿנט אַ פֿאָטאָ־סטודיאָ און מאַכט זיך אַ שם[21] ווי אַ פּאָרטרעטיסט. אין די פֿופֿציקער יאָרן גייט ער צוריק צו זײַן ערשטער ליבע, ביאָלאָגישע פֿאָטאָגראַפֿיע, און בפֿרט[22] פֿאָטאָ־מיקראָסקאָפּיע (פֿאָטאָס אַראָפּגענומען דורך אַ מיקראָסקאָפּ), וווּ ער אַרבעט אויס נײַע טעכנאָלאָגישע מיטלען. אין די זעכציקער יאָרן ווערט ער אַ ביאָלאָגיע־פּראָפֿעסאָר אין אַן אוניווערסיטעט.
די אויסשטעלונג, אַן אָפּקלײַב פֿון דאָקומענטן פֿונעם ווישניאַק־אַרכיוו אין ניו־יאָרק, איז אײַנגעטיילט לויט עפּאָכעס און טעמעס, אָנהייבנדיק מיט די צוואַנציקער יאָרן אין בערלין : די גאַסן און קאַפֿעען, דאָס טאָגטעגלעכע לעבן, ביז די היטלער־יאָרן ווען מע זעט קלאָרע סימנים[23] פֿון נאַציזם, און אויך די אַרבעט פֿון די ייִדישע הילף־אָרגאַניזאַציעס. מע זעט בילדער פֿון פֿראַנקרײַך און האָלאַנד. עס פֿעלן אויך ניט די באַרימטע „שטעטלדיקע“ בילדער און אַ פּאָר דאָקומענטאַר־פֿילמען געדרייטע אין

[סוף אויף ז׳ 8]






אויבן : בילד פֿון ראָמאַן ווישניאַק.
רעכטס : פּלאַקאַט פֿון דער אויסשטעלונג.

1. “Roman Vishniac, de Berlin à New York (1920-1975)”, musée d'Art et d'Histoire du judaïsme 2. AVADE bien sûr/of course 3. mondialement connu/world-famous 4. magnifique/magnificent 5. *Un Monde disparu/A Vanished World* 6. prises/taken 7. MIZREKh- de l'Est/Eastern 8. exposition/exhibition 9. but/aim 10. complet/comprehensive 11. MIShPOKhE famille/family 12. Lettonie/Latvia 13. “Joint” American Jewish Joint Distribution Committee 14. confirmer/confirm 15. situation 16. ...MEShEKh ... au cours de/over 17. aide humanitaire/relief work 18. MILKhOME guerre/war 19. s'approche/draws nearer 20. SOFKL-SOF finalement/finally 21. ShEM réputation 22. BIFRA'T particulièrement/in particular 23. SIMONIM signes/signs, *sing.* סימן SIMEN

# לחיים[1] – אַ נײַער פֿילם פֿון זשאַן־זשאַק זילבערמאַן




דעם 17טן נאָוועמבער האָט דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער אָרגאַניזירט אין קינאָ גאָמאָן־אָפּעראַ אַן אַוואַן־פּרעמיערע פֿון אַ נײַעם פֿילם פֿון זשאַן־זשאַק זילבערמאַן. דער פֿילם הייסט אין פֿראַנצייזיש צום לעבן – לחיים ! עס איז אַ געשיכטע פֿון דרײַ יונגע ייִדישע פֿרויען, וואָס האָבן זיך געטראָפֿן אין אוישוויץ[2], זענען געוואָרן נאָענטע פֿרײַנד, איבערגעלעבט צוזאַמען, און צעשיידט[3] געוואָרן בײַם סוף פֿון דער מלחמה[4]. זיבעצן יאָר גייען פֿאַרבײַ און זיי קענען זיך נישט אָפּגעפֿינען איינע די אַנדערע. איינע וווינט אין פּאַריז, די צווייטע אין נידערלאַנד און די דריטע אין קאַנאַדע. זומער 1962 קומען זיי זיך סוף־כּל־סוף[5] צוזאַמען אין פֿראַנקרײַך, אין אַ קליין שטעטל בײַם ברעג ים[6], בערק־פּלאַזש[7]. אין דער וואָך וואָס זיי פֿאַרברענגען צוזאַמען, דערציילן זיי וועגן זייער לעבן, זייערע דערפֿאַרונגען[8] און געפֿילן זינט דעם סוף פֿון דער מלחמה. דער רעזשיסאָר[9], זשאַן־זשאַק זילבערמאַן, איז שוין באַקאַנט מיט זײַנע פֿריִערדיקע פֿילמען, דער עיקר[10] : נישט אַלע האָבן דאָס מזל[11] צו האָבן עלטערן קאָמוניסטן (1993), און אַ מאַן איז אַ פֿרוי ווי די אַנדערע (1998). דער איצטיקער פֿילם איז באַזירט אויף זײַן מאַמעס לעבן. זי האָט אויך דורכגעלעבט אוישוויץ און פֿלעגט פֿאָרן קיין בערק־פּלאַזש זיך צו טרעפֿן מיט אירע חבֿרטעס[12]. דער פֿילם ווײַזט דעם שווערן פּראָצעס פֿון אומקערן זיך צום לעבן נאָך עקסטרעמע איבערלעבונגען : צווישן דערמאָנונגען און דעם ווילן צו פֿאַרגעסן, צווישן דעם חשק[13] זיך צו פֿאַרווײַלן[14] און די טראַוומעס[15] וואָס מע קען נישט איבערקומען[16]. פֿאַר דעם גאַנצן פּסיכאָלאָגישן פּלאָנטער[17] איז עמבלעמאַטיש דער נאָמען „אוישוויץ־לע־בען"[18], וואָס די העלדינס[19] גיבן אין שפּאַס בערק־פּלאַזש. זילבערמאַן האָט געוואָלט געבן זײַן פֿילם אָט דעם טיטל, אָבער די פּראָדוקטאָרן האָבן אים איבערגעצײַגט אַז צום לעבן וועט זײַן מער צוזיִענדיק ! איר וועט דאָ געפֿינען צוויי פֿאַרשיידענע בליקן אויף דעם פֿילם.

לאָמיר זינגען און מאַכן דעם פֿילם אַ לחיים ! ער איז אַזוי פֿול מיט מוזיק, אַז ער ציט אונדז גלײַך אַרײַן אין זײַן גײַסט.
דער דאָזיקער פֿילם איז אַ מין[20] רירנדיק[21] „בריוועלע דער מאַמען" : אַ ליבעבריוו צו דער מאַמען פֿון אַ קינד, וואָס איז אויסגעוואַקסן אַ באַוווּסטער רעזשיסאָר. מע קען עס אויך פֿאַרשטיין ווי אַן אויסדרוק פֿון כּבֿוד[22] – דורך די דרײַ חבֿרטעס – צו אַלע ייִדישע פֿרויען פּליטים[23], צוריקגעקומענע פֿון די לאַגערן[24] נאָך דער מלחמה, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט ווי אַזוי אָנצוהייבן אַ נײַ לעבן.
ערשטנס וויל איך קורץ באַטראַכטן דעם מוזיקאַלישן עלעמענט פֿונעם פֿילם. זייער שיין איז עריק סלאַביאַקס[25] מוזיק און ספּעציעל די זינגלידער וואָס מע האָט אויסגעקליבן. מיר הערן אַ פּאָר ייִדישע פֿאָלקסלידער וואָס די דרײַ יונגע פֿרויען זינגען צוזאַמען אין אַ רויִקן מאָמענט אויף דער פּלאַזשע[26]. עס איז ווי אַן אויסדרוק[27] פֿון אַ לעבעדיקער נשמה[28] וואָס קיינער און גאָרנישט האָט נישט באַוויזן אומצוברענגען[29]. עס איז אויך עפּעס אַ שיינער סימן[30] פֿון זייער שטאַרקער פֿרײַנדשאַפֿט וואָס האָט זיי געהאָלפֿן איבערצולעבן אין אוישוויץ.
צווייטנס גיט דער פֿילם אַ וווּנדערבאַרן בליק איבער די זעכציקער יאָרן, דעם רעזשיסאָרס זכרונות[31] פֿון זײַן קינדהייט מיט דער יונגער מאַמען. דאָס איז געווען די תּקופֿה[32] פֿונעם סוף פֿון דער מלחמה אין אַלזשיריע – און אויך פֿון דער אַטמאָספֿער פֿול מיט „טוויסט" און „ראָק־ענד־ראָל"־מוזיק, געשפּילט, געזונגען און געטאַנצט בײַם ברעג ים, ווי דאָ אין בערק־פּלאַזש.

*לבֿנה מזרחי*[33]

מיר איז געווען אינטערעסאַנט ווי אַזוי דער פֿילם איז געבויט. אין אָנהייב זעען מיר אַ פֿינצטערע וועלט אָן קאָלירן. אַלץ איז גרוי און שוואַרץ, כּמעט[34] אָן קלאַנגען[35], מען הערט בלויז אַ פֿאַרשטיקט קול[36] וואָס זאָגט נומערן. עס שטייען זייער פֿיל, צו פֿיל געשטאַלטן[37]. מענטשן, קוים[38] מענטשן. דאָס איז אוישוויץ. און דערנאָך פֿאַלט מען אַרײַן אין אַ וועלט מיט שאַרפֿע פֿאַרבן און קלאַנגען. שוין זיבעצן יאָר נאָך דער מלחמה. אין בערק־פּלאַזש בײַם ברעג ים. דרײַ פֿרויען, פּליטים פֿון אוישוויץ, טרעפֿן זיך דאָרטן און דערמאָנען זיך זייערע קינדער־יאָרן און פֿאַרמלחמהדיקע[39] וואַקאַציעס אין בערק־פּלאַזש. זיי רעדן וועגן אַ ייִדישער קינדער־קאָלאָניע און איר פּרעזידענטקע, מאַדאַם „זשאַנאַווסקי" (יאַנאָווסקי).
איצט אַ פּאָר פּערזענלעכע זכרונות : איין זומער, פֿאַר דער מלחמה, בין איך געפֿאָרן אין בערק־פּלאַזש, אויף דער קאָלאָניע „פֿאַר אונדזערע קינדער". איך האָב גוט געקענט מאַדאַם זשאַנאָווסקין. זי איז געווען אונדזער שכנטע[40] און האָט געהאַט זייער גוטע באַציִונגען[41] מיט מײַנע טאַטע־מאַמע. מיר האָבן געוווינט אין פּאַריז, אויף 35 rue des Francs Bourgeois. מאַדאַם זשאַנאָווסקי האָט זיך פֿאַרנומען מיט סאָציאַלער הילף און האָט אָנגעפֿירט מיט אַן אַמבולאַטאָריע[42] „פֿאַר אונדזערע קינדער". אַזוי ווי איך בין געווען אַ דאַר[43] און שוואַך מיידל, האָט זי מיך געשיקט אין בערק־פּלאַזש. איך דאַרף זאָגן אַז עס איז מיר נישט געפֿעלן געוואָרן : איך האָב פֿײַנט געהאַט דאָס עסן און כ'האָב געבענקט נאָך די טאַטע־מאַמע. נאָר נישט געקוקט אויף[44] דעם וואָס מע דערציילט אין פֿילם וועגן מאַדאַם זשאַנאָווסקין, איז זי אַלע מאָל געווען ווויל צו מיר און איך האָב זי יאָ ליב געהאַט.

*רענע קאַלושינסקי*

1. LEKHAIM *À la Vie !*, de/by Jean-Jacques Zilbermann 2. Auschwitz 3. séparées/separated 4. MILKHOME guerre/war 5. SOFKL-SOF finalement/finally 6. ... YAM bord de mer/seaside 7. Berck-Plage 8. expériences 9. metteur en scène/director 10. ... IKER surtout/especially 11. MAZL la chance/luck 12. KHA'VERTES amies/friends 13. KHEYSHEK envie/desire 14. s'amuser/enjoy themselves 15. traumatismes/traumas 16. surmonter/overcome 17. imbroglio/tangle 18. "Auschwitz-les-Bains" 19. héroïnes 20. sorte de/sort of 21. émouvant/moving 22. KOVED honneur/honor 23. PLEYTIM réfugiés/refugees 24. camps 25. Eric Slabiak 26. plage/beach 27. expression 28. NESHOME âme/soul 29. tuer/kill 30. SIMEN signe/sign 31. ZIKHROYNES souvenirs/memories 32. TKUFE époque/period 33. Levana Mizrahi 34. KIMA'T presque/nearly 35. sons/sound 36. ... KOL voix étouffée/muffled 37. figures 38. à peine/barely 39. FARMILKHO'MEDIKE d'avant-guerre/pre-war 40. SHO'KHNTE voisine/neighbor (fem.) 41. rapports/relations 42. dispensaire/clinic 43. maigre/thin 44. malgré/despite.

# שארית־הפּליטה[1]

## פֿון עוויטאַ וויעצקי[2]



JIDISZER LAGER-FERNWALD bai WOLFRATSHAUSEN

# BAMIDBAR

FODERT RECHT fur di lebns-frage fun JIDISZN FOLK!

Wochncajtung fun di bafrajte Jidn

**In fajer fun der Erec-Isroel frage**

**NAJE UMRUEN in Erec-Isroel**

**A Fraje Jidisze Alija kajn Erec-Isroel fodert der amerikaner senat**

**Dyrfolgrajch forendikt zich di Moskwer Konferenc**

**Noch wejnik korbones**

**Cu hobn mir noch wejnik blut gegebn?**

A happy NEW JEAR

a happy NEW JEAR



*Josef Schawinski*

**SARA**

(Elegje)

Ach, du blut-dursztike, tmejedike dajczisze erd,
Noch wejnik blut fun mir genumen!
Host noch majn kind bagert!
Ch'hob azoj sztark bagert cu gletn a kepl fun a kind
Far Treblinke un Majdanek a trejst,
S'zol fun krematorjums a bejze chwalje – a szturm-wind
Nit awektrogn dos asz fun majne owojs – zejer gajst.

אין 2015 פֿאַלט אויס דער זיבעציקסטער יאָרטאָג[3] פֿונעם סוף[4] פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה[5], דעם נאַציסטישן טעראָר און דעם חורבן[6].

נאָך דער קאַפּיטולאַציע אין מײַ 1945 זענען אין דײַטשלאַנד געווען אַרום נײַן מיליאָן אַזוי גערופֿענע Displaced Persons. דאָס זענען פֿאַרשיידענע גרופּעס מענטשן : פּאָליאַקן, אוקראַיִנער, פֿראַנצויזן, ייִדן, אַרעסטאַנטן, באַפֿרײַטע פֿון קאַצעטן[7] און אַרבעטס־לאַגערן[8], די וואָס האָבן איבערגעלעבט אין באַהעלטענישן[9], פּאַרטיזאַנער, קאָלאַבאָראַטאָרן. מער ווי 90 פּראָצענט פֿון אָט די מענטשן האָט מען געשיקט אַהיים אין די ערשטע חדשים[10] נאָך דער מלחמה. געבליבן זענען ייִדן, ווײַל זיי האָבן ניט געהאַט וווּ צו פֿאָרן. מיזרח[11]־אייראָפּע איז אין זייערע אויגן געווען איין גרויסער בית־עולם[12]. די איינציקע סיבה[13] צוריקצופֿאָרן קיין פּוילן איז געווען די האָפֿענונג צו געפֿינען קרובֿים[14] און חבֿרים[15] אָדער ווינציקסטנס זיך צו דערוויסן צי עמעצער האָט איבערגעלעבט.

אין מײַ 1945 האָבן זיך אין דײַטשלאַנד געפֿונען אַרום 60 000 ייִדן, ס'רובֿ[16] פֿון זיי באַפֿרײַטע פֿון די קאַצעטן. זיי האָבן זיך געגעבן דעם נאָמען „שארית־הפּליטה“, אַן אויסדרוק וואָס שטאַמט פֿון תּנך[17] און מיינט „דאָס געראַטעוועטע רעשטל“[18]. די ייִדן האָבן געהאָפֿט, אַז ענגלאַנד, אַמעריקע און אַנדערע מאַכטן וועלן זיי גיך העלפֿן צו עמיגרירן. אָבער די אַלייִרטע[19] האָבן די היימלאָזע מענטשן צונויפֿגעקליבן און אַרײַנגעשטופּט אין נײַע לאַגערן, אין די „די.פּי.־לאַגערן“ (D.P.). טייל מאָל האָבן זיי במשך פֿון[20] לאַנגע חדשים נאָך דער באַפֿרײַונג נאָך אַלץ געטראָגן די קאַצעט־מלבושים[21] און געלעבט הינטער אַ פּלויט פֿון שטאַכלדראָט[22]. ניט איינער[23] האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך דעמאָלט געפֿילט ווי עמעצער וואָס איז טאַקע באַפֿרײַט אָבער ניט פֿרײַ.

אין די ווײַטערדיקע צוויי יאָר איז די דאָזיקע גרופּע אויסגעוואַקסן ביז 200 000 נפֿשות[24] : עס זענען צוגעקומען נײַע פּליטים[25] פֿון פּוילן. דאָס זענען געווען ייִדן, וואָס האָבן באַוויזן בײַם אָנהייב פֿון דער מלחמה צו אַנטלויפֿן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[26] און דאָרטן איבערגעלעבט דעם חורבן. אין 1946 זענען זיי צוריק קיין פּוילן. דאָרטן האָבן זיי אָבער נאָר געפֿונען חורבֿות[27] און אַנטיסעמיטיזם. ס'רובֿ פֿון זיי האָבן ניט געוואָלט בלײַבן, נאָר געפּרוּווט דערגרייכן די אַמעריקאַנער זאָנע פֿון דײַטשלאַנד, האָפֿנדיק אויף דער מעגלעכקייט צו פֿאַרלאָזן אייראָפּע.

### פֿערנוואַלד

אין דרום[28]־דײַטשלאַנד האָבן די אַמעריקאַנער דערעפֿנט צענדליקער ייִדישע די.פּי.־לאַגערן, די גרעסטע פֿון זיי האָבן אויפֿגענומען מער ווי 5000 מענטשן. פֿופֿצן קילאָמעטער פֿון מינכן[29], אין אַ קליין אָרט מיטן נאָמען פֿערנוואַלד, האָט מען געעפֿנט אַזאַ לאַגער. ס'איז פֿון אָנהייב אָן געווען אַ לאַגער פֿאַר משפּחות[30] מיט קינדער און פֿאַר יתומים[31]. טייל קינדער האָבן געברענגט פּאַרטיזאַנער, אַנדערע האָבן זיך געראַטעוועט אין באַהעלטענישן. אין פֿערנוואַלדער לאַגער זענען געווען אמתע[32] הײַזער, טייל מאָל אַפֿילו[33] מיט הייצונג[34]. דאָס איז געווען אַן אויסנאַם[35] – אַנדערע לאַגערן האָט מען געעפֿנט אין באַראַקן, פֿאַבריקן, פֿרײַערדיקע קאַצעטן אַאַז"וו[36].

פֿערנוואַלד האָט מען אויפֿגעבויט אין די 1930ער יאָרן פֿאַר די אַרבעטער פֿון אַ נאָענטער אַמוניציע־פֿאַבריק. דאָ האָט מען געקענט אײַנריכטן אי שולן, אי אַ שפּיטאָל, אי אַ בשותּפֿותדיקע[37] קיך. דערפֿאַר מסתּמא[38] האָט פֿערנוואַלד עקסיסטירט צום לענגסטן : ביז 1956 ! נאָך דער גרינדונג פֿון מדינת־ישׂראל[39] האָבן זיך די אַנדערע לאַגערן גענומען אויסליידיקן. מע האָט זיי פֿאַרמאַכט און די איבערגעבליבענע באַוווינערס געברענגט קיין פֿערנוואַלד. די מענטשן זענען ניט געבליבן פֿרײַוויליק. די מערהייט האָט פּשוט[40] ניט געקענט עמיגרירן.

הײַנט קענען מיר זיך קוים פֿאָרשטעלן, אַז ייִדן פֿון דער שארית־הפּליטה האָבן עלף יאָר נאָכן סוף מלחמה נאָך אַלץ געלעבט אין דײַטשלאַנד אין אַ לאַגער. איינער, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ קינד, דערמאָנט זיך אַז די עלטערן פֿלעגן אים שיקן אין בעקערײַ זאָגנדיק „גיי צום מערדער קויפֿן ברויט“.

### במדבר[41]

אין פֿערנוואַלד האָט מען פֿון דעצעמבער 1945 ביז סעפּטעמבער 1946 פּובליקירט אַ ייִדישע וואָכן־צײַטונג מיטן טיטל במדבר, אַ טיטל, וואָס באַשרײַבט דײַטלעך[42] די געפֿילן פֿון דער שארית־הפּליטה. די ערשטע נײַן נומערן זענען געדרוקט מיט לאַטײַנישע אותיות[43] ווײַל זיי האָבן ניט

[סוף אויף ז' 8]

1. SHEYRES-HAPLEYTE survivants du génocide/survivors of the genocide 2. Evita Wiecki 3. anniversaire/anniversary 4. SOF fin/end 5. MILKHOME guerre/war 6. KHURBM Shoah 7. camps de concentration/concentration camps 8. camps de travail/work camps 9. cachettes/hiding places 10. KHADOSHIM mois (*plur.*)/months, *sing.* חודש KHOYDESH 11. MIZREKH de l'Est/Eastern 12. BEYS-OYLEM cimetière/cemetery 13. SIBE raison/reason 14. KROYVIM parents/relatives, *sing.* קרובֿ KOREV 15. KHAVEYRIM amis/friends, *sing.* חבֿר KHAVER 16. SROV la plupart/most 17. TANAKH Bible 18. *littéralt* "le vestige sauvé"/*lit.* "the saved remnant" 19. alliés/allies 20. BEMESHEKH ... pendant/in the course of 21. MALBUSHIM vêtements/clothing 22. clôture de barbelés/barbed wire fence 23. plus d'un/a number of people 24. NEFOSHES âmes/souls 25. PLEYTIM réfugiés/refugees, *sing.* פּליט POLET 26. Union soviétique/Soviet Union 27. KHURVES ruines/ruins 28. DOREM du Sud/southern 29. Munich 30. MISHPOKHES familles/families 31. YESOYMIM orphelins/orphans, *sing.* יתום YOSEM 32. E'MESE vrais/real 33. AFILE même/even 34. chauffage/heating 35. exception 36. און אַזוי ווײַטער etc. 37. BESHU'TFESDIKE en commun/joint 38. MISTOME probablement/probably 39. MEDINES-YISROEL État d'Israël/State of Israel 40. POSHET simplement/simply 41. BAMIDBER *littéralt* dans le désert, titre hébreu du Livre des Nombres/*lit.* in the desert, Hebrew title of the Book of Numbers 42. clairement/clearly 43. OYSYES lettres/letters, *sing.* אות OS

# ייִדן טרינקען אויך וויַין!

אין פֿראַנקרײַך איז לעצטנס פֿאָרגעקומען אַ וויכטיקע שׂימחה[1] :
ס׳איז אָנגעקומען דער נײַער באָזשאָלע[2] ! וואָס איז דער נײַער באָזשאָלע ? ס׳איז זייער אַ יונגער ווײַן פֿון דער באָזשאָלע־געגנט. מע קלײַבט די טרויבן אין אָקטאָבער און סוף נאָוועמבער איז דער ווײַן שוין גרייט. ווי אַלע יונגע ווײַנען, האָט ער זייער אַ באַזונדערן טעם[3], וואָס ניט יעדער איינער האָט עס ליב. נאָר מיט אַ ביסל רעקלאַמע[4] – וואָס האָט שוין אַ לאַנגע טראַדיציע – איז עס געוואָרן אַ מין יום־טובֿ[5], וואָס מע וואַרט אויף אים אומגעדולדיק אַלע יאָר. האָבן מיר באַשלאָסן צו פּראַווען[6] דעם דאָזיקן יום־טובֿ אויף אונדזער שטייגער[7] – מיט ייִדישע לידער וועגן ווײַן. ס׳איז אמת[8] אַז דאָס רובֿ[9] ייִדישע טרינקלידער באַזינגען דעם בראָנפֿן[10], נאָר אַז מע זוכט גוט, זעט מען, אַז ווײַן האָבן ייִדן אויך ליב.

דאָס ליד „טײַערע מלכּה“[11] האָט אָנגעשריבן מאַרק וואַרשאַווסקי (1907–1848), דער מחבר[12] פֿון אַ סך ייִדישע זינגלידער (ווערטער און מוזיק), ווי „אויפֿן פּריפּעטשיק“[13], „דעם מילנערס טרערן“[14], „די מעזינקע אויסגעגעבן“[15]... ער האָט געאַרבעט ווי אַן אַדוואָקאַט אין קיִעוו, ווו ער האָט זיך באַקענט מיט שלום־עליכמען[16]. דאָס האָט שלום־עליכם אים דערמוטיקט[17] צו פּובליקירן זײַנע לידער און האָט אָנגעשריבן דעם אַרײַנפֿיר צו דער ערשטער זאַמלונג (1901).



## טײַערע מלכּה
## פֿון מאַרק וואַרשאַווסקי

טײַערע מלכּה – געזונט זאָלסטו זײַן !
גיס אָן אין בעכער[18], אין בעכער דעם ווײַן.
בים־באָם ! בים־באָם ! בים־באָם־באָם־באָם !

פֿון דעם דאָזיקן בעכער, ער גלאַנצט אַזוי שיין,
האָט געטרונקען מײַן זיידע, מײַן זיידע אַליין.
בים־באָם !...
[...]

טײַערע מלכּה – געזונט זאָלסטו זײַן !
פֿאַר וועמען זאָל איך טרינקען דעם דאָזיקן ווײַן ?
בים־באָם !...

לחיים[19] וויל איך טרינקען פֿאַר דעם פּינטעלע ייִד[20],
וואָס מוטשעט זיך[21] תּמיד[22] און ווערט קיין מאָל ניט מיד !
בים־באָם !...

לחיים וויל איך טרינקען, און טאַקע אָן אַן עק[23],
פֿאַר די וואָס זענען געפֿאָרן אויף אייביק אַוועק !
בים־באָם !...

איך וואָלט טרינקען פֿאַר מײַנע שׂונאים[24], נאָר זאָג זיי נישט אויס.
קוק – טרערן שפּריצן פֿונעם בעכער, פֿונעם בעכער אַרויס.
בים־באָם !...

זינגט העכער און העכער „גאָט, דו ביסט גרויס !“
באַהאַלט, מלכּה, דעם בעכער, דאָס לידל איז אויס[25]...
בים־באָם !...

דאָס ליד „רומעניע רומעניע“ האָט אָנגעשריבן אַהרן לעבעדעוו[26] (1960-1873). ער איז דווקא[27] ניט געווען קיין רומענישער ייִד, נאָר אַ ליטוואַק, אַ געבוירענער אין האָמל[28] (ווײַסרוסלאַנד). ווי אַ יונגער מאַן איז ער אַרומגעפֿאָרן מיט אַ ייִדישער טעאַטער־טרופּע. אין 1920 איז ער אַוועק קיין ניו־יאָרק ווו ער האָט געשפּילט אין באָריס טאָמאַשעווסקיס טעאַטער. זײַן קאַריערע האָט דאָרטן געדויערט אַ 35 יאָר – ער האָט געשפּילט, געזונגען און געשריבן ווערטער און מוזיק פֿון אַ סך טעאַטער־לידער.



## רומעניע, רומעניע

עך, רומעניע, רומעניע, רומעניע,
געווען אַ מאָל אַ לאַנד אַ זיסע, אַ שיינע.
עך, רומעניע, רומעניע, רומעניע,
געווען אַ מאָל אַ לאַנד אַ זיסע, אַ פֿײַנע.

דאָרט צו וווינען איז אַ פֿאַרגעניגן.
וואָס דאָס האַרץ גלוסט דיר[29], דאָס קענסטו קריגן.
אַ מאַמעליגעלע[30], אַ פּאַסטראַמעלע[31],
אַ קאַרנאַצעלע[32] און אַ גלעזעלע ווײַן, אַהאַ !

אין רומעניע איז דאָך גוט[33],
פֿון קיין דאגות[34] ווייסט מען ניט,
ווײַן טרינקט מען איבעראַל[35],
מע פֿאַרבײַסט מיט קאַשקאַוואַל[36].
היי דיגי דיגי דאַם, דיגי דיגי דיגי דאַם.
[...]

אוי וויי, גוואַלד[37], איך ווער משוגע[38],
איך ליב נאָר ברינזע[39], מאַמעליגע,
איך טאַנץ און פֿריי זיך ביז דער סטעליע[40]
ווען איך עס אַ פּאַטלאַזשעלע[41].
צינגמאַ ! טײַ דידל די דאַם, צינגמאַ ! טײַ דידל די דאַם !



איַי, ס׳איז אַ מחיה[42], בעסער קען ניט זײַן,
איַי, אַ פֿאַרגעניגן איז נאָר רומעניש ווײַן.

1. SIMKHE célébration 2. “Le beaujolais nouveau est arrivé” 3. ... TAM goût particulier/distinct taste 4. publicité/publicity 5. ... YONTEF sorte de fête/sort of holiday 6. célébrer/celebrate 7. à notre façon/in our way 8. EMES vrai/true 9. ... ROV la plupart/most 10. vodka 11. MALKE *nom de femme/woman's name* 12. MEKHABER auteur/author 13. dans l'âtre/on the hearth 14. les larmes du meunier/the miller's tears 15. le mariage de la benjamine/the youngest daughter's wedding 16. SHOLEM-ALE'YKHEMEN avec/with Sholem-Aleykhem 17. encouragé/encouraged 18. coupe/wineglass 19. LEKHAIM à la vie/to life 20. étincelle juive/essence of Jewishness 21. souffre/suffers 22. TOMID toujours/always 23. sans fin/without an end 24. SONIM ennemis/enemies, *sing.* שׂונא SOYNE 25. fini/over 26. Aaron Lebedeff 27. ... DAFKE n'est justement pas/*here* in fact 28. Gomel (ville de Biélorussie)/(town now in Belarus) 29. a envie/desires 30. polenta/corn mush 31. pastrami 32. saucisse/saussage 33. *ici prononcer/here pronounce* גיט 34. DAYGES soucis/worries 35. partout/everywhere 36. caşcaval, sorte de fromage/kind of cheese 37. au secours !/help! 38. MESHUGE fou/crazy *ici prononcer/here pronounce* MESHIGE 39. sorte de fromage salé/kind of salted cheese 40. jusqu'au plafond/up to the ceiling 41. aubergine/eggplant 42. MEKHAYE plaisir/pleasure.

# ווײַן אין דער ייִדישער טראַדיציע



ווײַן שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער ייִדישער טראַדיציע. דאָס פּלאַנצן טרויבן[1] און טרינקען ווײַן איז שוין דערמאָנט[2] אין תּנך[3]. אין ספֿר בראשית[4] לייענען מיר אַז נח[5] האָט געהאַט אַ ווײַנגאָרטן[6] און ער האָט מסתּמא[7] געטרונקען פֿון דעם ווײַן ווײַל עס שטייט געשריבן אַז זײַנע קינדער האָבן אים אַ מאָל געפֿונען אַ שיכּורן[8]. אויף אַלע ייִדישע יום־טובֿים[9] און שׂימחות[10] טרינקט מען ווײַן. שבת[11] הייבט זיך אָן מיט קידוש[12] : מע טרינקט אַ גלאָז ווײַן און מע מאַכט די ברכה[13] „בורא פּרי הגפֿן“[14] – „געבענטשט[15] זאָל זײַן דער באַשאַפֿער פֿון דער פּרוכט פֿונעם ווײַנשטאָק“.



שבת ענדיקט זיך מיט הבֿדלה[16], ווען מען צינדט אָן אַ ליכט[17] און מע מאַכט נאָך אַ ברכה איבערן ווײַן.

ווײַן ווערט געטרונקען אויף אַלע צערעמאָניעס : אויף אַ ברית[18], אַ חתונה[19], אַ לוויה[20].

פּסח[21] בײַם סדר[22] טרינקט מען „פֿיר כּוסות“[23] ווײַן און מע שטעלט אויפֿן טיש אַ כּוס פֿאַר אליהו־הנבֿיא[24], וואָס קומט צו אַלע ייִדן אין דער נאַכט פֿון פּסח.

חסידים[25] האָבן געלערנט אַז מע מוז לויבן[26] גאָט מיט פֿרייד[27] און זיי האָבן געהאַלטן אַז טרינקען (ווײַן, בראָנפֿן[28], מאַכט ניט אויס[29] וועלכן) איז גוט ווײַל דאָס פֿאַרגרעסערט די פֿרייד.

מע דאַרף טרינקען מיט אַ מאָס[30]. אַ ייִד, זאָגט מען, טאָר ניט זײַן קיין שיכּור. אין תּלמוד[31] שטייט געשריבן אַז טרינקען צו פֿיל אַלקאָהאָל מאַכט פֿון אַ מענטש אַ חיה[32] : ווען ער טרינקט אַ קליין ביסל, איז ער מילד ווי אַ לאַם[33], נאָר ווען ער טרינקט אַ ביסל מער, ווערט ער ווילד ווי אַ לייב[34] ; ווען ער טרינקט נאָך מער, פֿירט ער זיך אויף ווי אַ מאַלפּע[35] ; און ווען ער איז גאָר שיכּור – ווי אַ חזיר[36].



ס'איז דאָ אָבער איין אויסנאַם[37] : פּורים[38], דער איינציקער טאָג אין יאָר ווען אַ ייִד **מוז** ווערן שיכּור. עס שטייט געשריבן אַז מע מוז טרינקען ביז מע ווייס נישט דעם אונטערשייד[39] צווישן המן[40] (דעם שלעכטן) און מרדכי[41] (דעם גוטן). פּורים איז אַ צײַט ווען אַלץ איז קאַפּויער[42]. מע טוט זיך אָן אין מאָדנע[43] אָדער קאָמישע קליידער און מע מאַכט שפּאַס[44] פֿון אַלץ וואָס מע וויל. אַ מאַן מעג טראָגן פֿרויִשע קליידער און אַ פֿרוי – מענערשע קליידער !

די טראַדיציע פֿון פּורים־שפּיל[45] איז זייער אַן אַלטע. אַ פּורים־שפּיל איז געוויינטלעך באַזירט אויף דער מעשׂה[46] וואָס געפֿינט זיך אין מגילת־אסתּר[47] אָדער אַן אַנדער מעשׂה פֿון תּנך. אָבער דער סטיל איז אַלע מאָל קאָמיש און סאַטיריש.

אין מאָדערנע צײַטן האָט איציק מאַנגער (1969-1901) אויך געשריבן זײַן ווערסיע פֿון אַ פּורים־שפּיל, וואָס ער האָט אָנגערופֿן מגילה[48]־לידער. אין ישׂראל[49] אין 1965 האָט דובֿ זעלצער[50] אָנגעשריבן מוזיק און די פּיעסע האָט לאַנג געשפּילט אין טעאַטערס אין תּל־אָבֿיבֿ[51] און איבערן גאַנצן לאַנד. מאַנגער איז געווען זייער אַ פּאָפּולערער ייִדישער שרײַבער. ער האָט אויך זייער ליב געהאַט אַ גלעזל ווײַן, און האָט וועגן דעם אָפֿט געשריבן אין זײַנע לידער. איין ליד, נישט פֿון די קאָמישע, הייסט „אָוונטליד“, און עס הייבט זיך אָן אַזוי :

*שטילער אָוונט, טונקל־גאָלד,*<br>
*איך זיץ בײַם גלעזל ווײַן.*<br>
*וואָס איז געוואָרן פֿון מײַן טאָג ?*<br>
*אַ שאָטן און אַ שײַן[52] –*<br>
*זאָל כאָטש[53] אַ רגע[54] טונקל־גאָלד*<br>
*אין מײַן ליד אַרײַן. [...]*



1. planter du raisin/plant grapes 2. mentionné/mentioned 3. TANAKh Bible 4. SEYFER BREYShIS Livre de la Genèse/Book of Genesis 5. NOYEKh Noé/Noah 6. vignoble/vineyard 7. MISTOME probablement/probably 8. ShI'KERN ivre/drunk 9. YONTOYVIM fêtes/holidays 10. SIMKhES célébrations 11. ShABES shabbat 12. KIDESh bénédiction sur le vin/blessing of the wine 13. BROKhE bénédiction/blessing 14. BOYRE PRI HAGOFEN qui crée le fruit de la vigne/who creates the fruit of the vine 15. béni/blessed 16. HAVDOLE Havdala, cérémonie qui termine le shabbat/ceremonie that closes the Sabbath 17. on allume une bougie/one lights a candle 18. BRIS circoncision/circumsision 19. KhA'SENE mariage/wedding 20. LEVAYE enterrement/funeral 21. PEYSEKh Pâque/Passover 22. SEYDER Seder 23. ... KOYSES quatre coupes/four glasses of wine, *sing.* כּוס KOS 24. ELYOHU-HANOVI le prophète Élie/The Prophet Elijah 25. KhSIDIM hassidim 26. louer/praise 27. joie/joy 28. vodka 29. peu importe/no matter 30. avec modération/with moderation 31. TALMUD 32. KhAYE animal 33. doux comme un agneau/gentle as a lamb 34. lion 35. singe/monkey 36. KhAZER cochon/pig 37. exception 38. Pourim/Purim 39. différence 40. HOMEN Aman/Haman 41. MORDKhE Mardochée/Mordechai 42. à l'envers/upside down 43. bizarres/peculiar 44. se moque/make fun of 45. spectacle traditionnel de Pourim/traditional Purim play 46. MAYSE histoire/story 47. MEGILES ESTER Livre d'Esther/Book of Esther 48. MEGILE rouleau d'Esther/Scroll of Esther 49. YISROEL Israël 50. Dov Seltzer 51. Tel-Aviv 52. ombre et lumière/a shadow and a shine 53. au moins/at least 54. REGE instant/moment.

אין ספֿר־בראשית[2] שטייט אַז אין אָנהייב האָבן אַלע מענטשן גערעדט איין שפּראַך. נאָך דעם ווי זיי האָבן געבויט דעם טורעם פֿון בבֿל[3] האָט גאָט זיי צעשפּרייט אין אַלע לענדער און צעטיילט זייער שפּראַך אויף די פֿאַרשיידענע וועלטשפּראַכן. לויט דער טראַדיציע איז די צאָל פֿון די וועלטשפּראַכן געווען זיבעציק. דעריבער באַטײַט דער אויסדרוק „שיבֿעים־לשון" נישט בלויז זיבעציק שפּראַכן, נאָר אַלע שפּראַכן פֿון דער וועלט. אין דער רובריק[4] „שיבֿעים־לשון" קלײַבן מיר אויס יעדעס מאָל אַן אַנדער שפּראַך און גיבן באַזונדערע עצות[5] פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען אָט די שפּראַך. די ערשטע שפּראַך אין אונדזער רובריק איז דײַטש.

# עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען דײַטש

## טייל 1 : פֿאָנעטיק

### פֿון טל חבֿר־כיבאָווסקי[6]

ייִדיש און דײַטש האָבן אַ קאָמפּליצירטע באַציִונג[7]. ביידע שפּראַכן שטאַמען צוזאַמען פֿון מיטל־הויכדײַטש[8], אַ גערמאַנישע שפּראַך וואָס מע האָט גערעדט אין מיטל־עלטער[9]. ייִדישיסטן האָבן געקעמפֿט לאַנגע יאָרן קעגן דער פֿאַרשפּרייטער דעה[10] (אויך צווישן ייִדן) אַז ייִדיש איז „אַ פֿאַרדאָרבן[11] דײַטש". דער פֿילאָלאָג בער באָראָכאָוו האָט געשריבן מיט הונדערט יאָר צוריק אַז ייִדיש איז פּונקט אַזוי „פֿאַרדאָרבן" ווי דײַטש : „ייִדיש איז 'פֿאַרדאָרבן' דורך העברעיִשן און סלאַווישן אײַנפֿלוס, מאָדערן־דײַטש – דורך לאַטײַנישן און פֿראַנצייזישן אײַנפֿלוס. ייִדיש איז 'פֿאַרדאָרבן' געוואָרן אויפֿן מאַרק[12] און אין דער ישיבֿה[13], דײַטש – אין אוניווערסיטעט און אין די ביוראָקראַטישע קאַנצעלאַריעס".

אויך ווען ייִדיש און דײַטש האָבן זיך פֿאַרנומען אויף[14] פֿאַרשיידענע וועגן, זײַנען צווישן ביידע שוועסטער־שפּראַכן געווען קעגנזײַטיקע השפּעות[15] אין פֿאַרשיידענע תּקופֿות[16]. זיי האָבן זיך קיין מאָל ניט אין גאַנצן אָפּגעשיידט איינע פֿון דער אַנדערע. אין 19טן יאָרהונדערט, ווען די ייִדישע ליטעראַטור און פּובליציסטיק[17] האָבן זיך גענומען צעבליִען, האָבן אַ סך ייִדישע מחברים[18] גערמאַניזירט דעם אויסלייג[19], דעם וואָקאַבולאַר, און אַפֿילו[20] דעם סינטאַקס פֿון זייער ייִדיש, האַלטנדיק אַז אַזוי וועלן זיי פֿאַראיידלען[21] די שפּראַך. אויך ווען שפּעטערדיקע ייִדישיסטן האָבן געקעמפֿט קעגן דער צו שטאַרקער השפּעה פֿון דײַטש אויף ייִדיש, זײַנען נישט ווייניק „דײַטשמעריזמען" געבליבן אין ייִדיש ביזן הײַנטיקן טאָג.

ייִדיש־לערנערס וואָס קענען דײַטש קענען ממילא[22] אַ גרויסן חלק[23] פֿון דעם ייִדישן וואָקאַבולאַר. דערצו לערנען זיי זיך גיך די ייִדישע גראַמאַטיק, וואָס איז גאָר ענלעך צו דער דײַטשער. פֿון דער אַנדערער זײַט קענען זיי גרינג פֿאַרמישן די שפּראַכן און מאַכן גרײַזן וואָס קומען אויס[24] שרעקלעך דײַטשמעריש. מאַכן דעם חילוק[25] צווישן דײַטשמעריזמען וואָס זײַנען געוואָרן אַ טייל פֿון דער כּלל־שפּראַך[26] און אומפּאַסיקע[27] דײַטשמעריזמען וואָס רײַסן אין די אויערן[28] איז נישט אַלע מאָל זייער פּשוט[29]. מיר האָפֿן אַז די ווײַטערדיקע עצות וועלן העלפֿן.

שפּראַכפֿאָרשערס[30] האָבן באַמערקט אַז בדרך־כּלל[31] שטימט ייִדיש אין איר קאָנסאָנאַנטיזם[32] מיט דײַטש. די פֿאָנעטישע אונטערשיידן וואָס טיילן אָפּ ביידע שפּראַכן ליגן גיכער אין דעם וואָקאַליזם[33]. אַ היפּשע צאָל[34] דײַטשישע סובסטאַנטיוון – קודם־כּל[35] ווײַבלעכע, אָבער אויך פֿון אַנדערע מינים[36] – וואָס ענדיקן זיך מיט אַן אומבאַטאָנטן[37] e געפֿינען זיך אין ייִדיש אָן דעם **ע** :

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| der Jude | die Ruhe | die Sache | die Hilfe | die Schule | der Käse | das Auge |
| דער ייִד | די רו | די זאַך | די הילף | די שול | דער קעז | דאָס אויג |

אָבער יעדער כּלל[38] האָט אַ יוצא־מן־הכּלל[39]. ייִדיש פֿאַרמאָגט אַ ריי סובסטאַנטיוון וואָס זײַנען אַרײַנגעקומען אין דער שפּראַך אין 19טן און 20סטן יאָרהונדערט (די אַזוי־גערופֿענע „דײַטשמעריזמען"). אַ פּאָר פֿון זיי האָט מען דערווײַל שוין פֿאַרייִדישט (למשל[40] : „קירך", וואָס לכתּחילה[41] האָט מען געשריבן „קירכע"), אָבער אַ סך היטן אויף[42] ביז הײַנט די ענדונג **ע** :

| | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|
| die Stütze | die Liebe | die Gruppe | die Wüste | die Rede | die Reise | die Frage |
| די שטיצע | די ליבע | די גרופּע | די וויסטע | די רעדע | די רײַזע | די פֿראַגע |

[סוף אויף ז' 7]

1. shivim-loshn 70 langues/70 languages 2. seyfer-breyshis livre de la Genèse/Book of Genesis 3. ... bovl tour de Babel/tower of Babel 4. rubrique/column 5. eytses conseils/advice 6. Tal Hever-Chybowski 7. rapport/relation 8. moyen haut allemand/Middle High German 9. moyen âge/Middle Ages 10. deye idée/idea 11. corrompu/corrupted 12. place du marché/in the marketplace 13. yeshive académie rabbinique/rabbinic academy 14. ont emprunté/took 15. hashpoes influences 16. tkufes époques/periods 17. journalisme/journalism 18. mekhabrim auteurs/authors 19. orthographe/spelling 20. afile même/even 21. raffiner/make more refined 22. mimeyle forcément/necessarily 23. kheylek part 24. ont l'air/sound 25. khilek différence 26. klal-... langue standardisée/standard language 27. inadéquats/unsuitable 28. font mal aux oreilles/hurt one's ears 29. poshet facile/easy 30. linguistes/linguists 31. bederekh-klal généralement/in general 32. système de consonnes/consonant system 33. système vocalique/vowel system 34. bon nombre/a great many 35. koydem-kol avant tout/mainly 36. genres/genders 37. non accentué/unstressed 38. klal règle/rule 39. yoytse-min-haklal exception 40. lemoshl par exemple/for example 41. lekhatkhile au début/at first 42. gardent/keep



**אויבן : דער בבֿל־טורעם, בילד פֿון פּיטער ברויגעל דעם עלטערן (אַרום 1568). לינקס : טל חבֿר־כיבאָווסקי.**

עס טרעפֿט זיך אַז ייִדיש פֿאַרמאָגט צוויי פֿאָרמען פֿונעם זעלבן וואָרט, אַ פֿאָרעם אָן **ע** און אַ פֿאָרעם מיט **ע** (למשל : ענד/ענדע, שטים/שטימע) און אַ מאָל איז דאָ אַ חילוק אינעם באַטײַט, ווי למשל : „די קאָרט“, וואָס מע שפּילט מיט איר קאָרטן־שפּילן, און „די קאַרטע“ (די מאַפּע) וואָס העלפֿט צו געפֿינען דעם וועג.

ווען איר קענט דײַטש זייער גוט, קענט איר אונטערשיידן לאַנגע און קורצע וואָקאַלן. אויף כּלל־ייִדיש איז נישטאָ קיין לאַנגע און קורצע וואָקאַלן. למשל, די ווערטער „ביר“ און „שיף“ האָבן די זעלבע לענג אויף ייִדיש (אויף דײַטש איז דער וואָקאַל אין Bier לענגער פֿון דעם אין Schiff). אַ כּלל וואָס קען אַ סך העלפֿן ייִדיש־לערנערס וואָס קענען דײַטש איז דער אַלגעמיינער איבערגאַנג פֿון אַ לאַנגן a אויף דײַטש אין אַ ייִדישן **קמץ אַלף**[43] **(אָ)** :

| barfuß | schla-fen | tragen | der Garten | der Abend | die Nase | das Rad |
|---|---|---|---|---|---|---|
| באָר־וועס | שלאָפֿן | טראָגן | דער גאָרטן | דער אָוונט | די נאָז | דאָס ראָד |

ווי לגבי[44] דער ענדונג -**ע**, זײַנען די אויסנעמען[45] פֿונעם דאָזיקן כּלל רעלאַטיוו נײַע ווערטער, וואָס ייִדיש האָט איבערגענומען פֿון דײַטש אין דער לעצטער תּקופֿה :

| die Gefahr | die Frage | die Lage | die Ware | die Bahn | der Adel | der Strahl |
|---|---|---|---|---|---|---|
| די געפֿאַר | די פֿראַגע | די לאַגע | די וואַרע | די באַן | דער אַדל | דער שטראַל |





דער לעצטער פֿאָנעטישער כּלל וואָס איז כּדאַי[46] צו געדענקען : דער וואָקאַל פֿאַרן **ר** מיט אַן אַנדער קאָנסאָנאַנט ווערט אין ייִדיש אַן **אַ**.

| fertig | dürfen | ster-ben | herb | das Herz | der Herr | der Berg |
|---|---|---|---|---|---|---|
| פֿאַרטיק | דאַרפֿן | שטאַר־בן | האַרב | דאָס האַרץ | דער האַר | דער באַרג |

אויסנעמען :

| das Schwert | das Pferd | die Erde |
|---|---|---|
| די שווערד | דאָס פֿערד | די ערד |

אינעם קומענדיקן נומער וועלן מיר געבן נאָך אַ פּאָר שפּראַך־עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען דײַטש, דאָס מאָל וועגן גראַמאַטיק, סינטאַקס און וואָקאַבולאַר.

43. KOMETS ALEF la voyelle [o]/the vowel [o] 44. LEGABE en ce qui concerne/in regard to 45. exceptions 46. KEDA'Y vaut la peine/is worthwhile.

**[סוף פֿון ז׳ 1]**

די קאַרפּאַטן[24]. אין איין זאַל רעפּראָדוצירט מען די אויסשטעלונג וואָס דער ייִוואָ[25] האָט געמאַכט אין 1944 אין ניו־יאָרק.

אַן אינטערעסאַנטע אָפּטיילונג[26], געווידמעט[27] זײַן רײַזע צוריק אין אייראָפּע אין 1947, ווײַזט די די.פּי.־לאַגערן[28] און די חורבֿות[29] פֿון בערלין.

פֿון ווישניאַקס ניו־יאָרקער יאָרן זעט מען, צווישן אַנדערע, פּאָרטרעטן פֿון אײַנשטיין, שאַגאַל און דער ייִדישער אַקטריסע מאָלי פּיקאָן, ווי אויך בילדער פֿון אַלע אַמעריקאַנער סבֿיבֿות[30] : רײַכע און אָרעמע, ייִדן און ניט־ייִדן, די נײַע אימיגראַנטן און פּליטים[31], אַרבעטער, סאָלדאַטן, קינדער, הילף־אָרגאַניזאַציעס...

אינעם לעצטן זאַל אַנטדעקט דער באַקוקער גאָר אומדערוואַרטע[32] בילדער : אַ פּראָיעקציע פֿון אַ גאַנצער ריי קאָלירטע דיאַפּאָזיטיוון פֿון מיקראָסקאָפּישע באַשעפֿענישן[33] פֿון דער נאַטורוועלט.

נאָר דער שטאַרקסטער מאָמענט פֿון דער אויסשטעלונג איז מסתּמא[34] אַ פֿילמירט עדות־זאָגן[35] פֿון אַ מאַן וואָס ווישניאַק האָט אים אַ מאָל פֿאָטאָגראַפֿירט. דאָס דאָזיקע בילד – אַ חדר־ייִנגל[36] מיט טרויעריקע אויגן (זעט ז׳ 1) – איז שפּעטער געוואָרן גאָר באַרימט. נאָך דער מלחמה האָט מען אים אידענטיפֿיצירט און זיך דערוווּסט אַז ער האָט איבערגעלעבט און וווינט אין אַמעריקע (אין די „היפּי“־יאָרן האָט ער געוווינט אין וווּדסטאָק און איז געוואָרן אַ בודיסט). דער אינטערוויו מיט אים איז זייער רירנדיק[37] – ער רעדט אויף אַ פּשוטן אופֿן[38] וועגן זײַן קינדהייט אין שטעטל און וועגן דעם אָנהייב פֿון דער מלחמה.



**ראָמאַן ווישניאַק אין 1977.**
**פֿאָטאָ פֿון ענדרו סקאָלניק.**

די אויסשטעלונג גייט אָן ביזן 25סטן יאַנואַר, ס׳איז ממש כּדאַי[39] זי צו זען – מען אַנטדעקט אויף ס׳נײַ אַ פֿאָטאָגראַף וואָס מע האָט געמיינט אַז מע קען אים שוין, און וואָס עס ווײַזט זיך אַרויס[40] אַז זײַן שאַפֿונג איז פֿיל אַרומנעמיקער ווי מע האָט געמיינט !

24. Carpathes/Carpathians 25. YIVO ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט 26. section 27. consacré/devoted 28. camps de personnes déplacées/D.P. (Displaced Persons) Camps 29. KhURVES ruines/ruins 30. SVIVES milieux 31. PLEYTIM réfugiés/refugees 32. inattendus/unexpected 33. créatures 34. MISTOME probablement/probably 35. EYDES-... témoignage/testimony 36. KhEYDER-... écolier/schoolboy 37. émouvant/moving 38. PO'ShETN OYFN façon simple/simple manner 39. MAMESh KEDA'Y vaut vraiment la peine/is really worthwhile 40. il s'avère/it turns out.

**[סוף פֿון ז׳ 3]**

געהאַט קיין העברעיִשן דרוקשריפֿט. אין דעם צווייטן נומער שרײַבט יעקבֿ[44] באַביצקי, אַ געוועזענער אַספּיראַנט[45] פֿונעם ווילנער ייִוואָ[46] (מיר שרײַבן דאָס איבער מיט ייִדישע אותיות) :

„די ווירקלעכקייט[47] [...] האָט אונדז געצוווּנגען אַריבערצוגיין צו דעם לאַטײַנישן אַלף־בית[48], ווײַל די ייִדישע, אונדז אַזוי ליבע, אותיות האָבן מיטגעמאַכט אויך אונדזער גורל[49]. ווען מיר, די שארית־הפּליטה, ווילן אויסדריקן אונדזער ווייטיק און פּײַן, אונדזער האָפֿענונג און שטרעבונג[50], מוזן מיר עס לײַדער טאָן אין פֿרעמדע מלבושים, ווײַל ייִדישע אותיות זײַנען געבליבן אין אייראָפּע נאָר רעשטלעך, על־פּי נס[51] געראַטעוועטע“.

ייִדן וואָס דאַרפֿן נאָך בלײַבן אינעם לאַגער באַשרײַבן זייער מצבֿ[52] ווי „זיצן אין אַ וואַרטזאַל“. באַריכטן[53] וועגן דער בריטישער פּאָליטיק און וועגן געשעענישן אין פּאַלעסטינע פֿילן אויס די זײַטן פֿון דער צײַטונג. אין דער פּסח[54]־אויסגאַבע דערוויסט מען זיך וועגן דעם מזלדיקן[55] אָנקום פֿון דער שיף Enzo Sereni פֿון דער „עליה ב׳“[56] אין חיפֿה[57]. אין דער אמתן[58] האָבן די ענגלענדער געכאַפּט די שיף און די פּליטים האָבן זיך ווידער געפֿונען אין אַ לאַגער. אין במדבר געפֿינען מיר פֿילצאָליקע אַרטיקלען וואָס באַשרײַבן ווי שווער ס׳איז געווען דאָס טאָגטעגלעכע לעבן אין לאַגער, וויפֿל כּוח[59] מע האָט געדאַרפֿט כּדי[60] אויסצופֿילן די ליידיקע טעג. מע האָט געזוכט אַ באַשעפֿטיקונג, מע האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ספּאָרט און קולטור. מע קען לייענען וועגן אַ פֿוסבאָל־פֿאַרמעסט[61] פֿון די די.פּי.ס פֿון דער אַמעריקאַנער זאָנע. אין פֿערנוואַלד האָט מען שוין סוף 1945 געגרינדעט אַ ספּאָרטקלוב מיט די אָפּטיילונגען פֿוסבאָל, פּינג־פּאָנג, ראָווערן[62] און נאַרטעס[63]. אַ באַזונדער גרויסע ראָלע האָט געשפּילט די ליטעראַטור. פֿון אָנהייב אָן דרוקט מען הומאָרעסקעס, קליינע דערציילונגען, לידער ווי אויך באַריכטן פֿון קולטורעלע אַקטיוויטעטן, למשל[64] דעם וויזיט פֿון ה. לייוויק[65].

אין אַנדערע ערטער אין דײַטשלאַנד זענען אויך געווען ייִדישע צײַטונגען. צווישן די זשורנאַליסטן און רעדאַקטאָרן זענען געווען הײַנט באַקאַנטע נעמען ווי מענדל מאַן אָדער בנימין הרושאָווסקי (ה. בנימין, שפּעטער בנימין הרשבֿ[66])... סוף 1946 האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן די.פּי.־צײַטונגען פֿאַר דער גאַנצער אַמעריקאַנער זאָנע. אַזאַ צײַטונג האָט בעסער געקענט העלפֿן מענטשן געפֿינען לעבן־געבליבענע קרובֿים און חבֿרים. אַ גוט בילד פֿון דער דאָזיקער אַטמאָספֿער גיט דער ייִדיש־רעדנדיקער פֿילם „לאַנג איז דער וועג“, וואָס מען האָט געדרייט אין 1947 אין מינכן.

44. YANKEV 45. doctorant/doctoral candidate 46. YIVO ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט 47. réalité/reality 48. ALEF-BEYS alphabet 49. GOYRL destin/fate 50. aspiration 51. AL-PI NES par miracle/by a miracle 52. MATSEV situation 53. rapports/reports 54. PEYSEKh Pâque/Passover 55. MA'ZLDIKN heureux/successful 56. ALIYE BEYS immigration illégale en Palestine, 1934-1948/illegal immigration to Palestine, 1934-1948 57. KhAYFE Haïfa 58. ... E'MESN en fait/actually 59. KOYEKh force/strength 60. KEDE'Y afin de/in order to 61. compétition 62. vélo/bicycling 63. ski/skiing 64. LEMOShL par exemple/for example 65. l'écrivain/the writer H. Leyvik 66. BINYOMIN Hrushovski (H. Binyomin/B. Harshav).


**דער ייִדישער טעם־טעם**

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער טעם־טעם איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט טל, יצחק, מאַרי, נאַטאַליע, עוולין, רובי.

YIDISHER TAMTAM
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן טעם־טעם אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com

Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס